# וכל מאמינים

## א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת פקודי תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 423



בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן

ת.ד 102 בני ברק
פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


# פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## א שם וואס איז געשריבן געווארן דורך פיר

"וַיַּעֲשׂוּ אֶת צִיץ נֵזֶר הַקֹּדֶשׁ זָהָב טָהוֹר וַיִּכְתְּבוּ עָלָיו מִכְתַּב פִּתּוּחֵי חוֹתָם קֹדֶשׁ לַה'" (לט ה)

פארוואס שטייט: "וַיִּכְתְּבוּ" - בלשון רבים, האבן דען עטליכע מענטשן עס געשריבן צוזאמען?

ערקלערט דער **'אמרי אמת'**:

אין מסכת יומא (לח א) ווערט געברענגט אז די חכמים האבן געטון פארדאמען 'בן קמצר' אויף דעם וואס ער האט נישט אנטפלעקט פאר אנדערע וויאזוי מען קען שרייבן פיר אותיות אין די זעלבע צייט און דורך דעם האט ער געקענט שרייבן דעם שם הוי"ה צוזאמען. די מעלה פון שרייבן דעם 'שם' אויפאמאל איז אז דורך דעם בלייבט נישט איבער דער שם פעלערדיג אפילו איין מינוט (תוי"ט יומא ג יא, בשם 'יפה מראה'). און נאך, דורך דעם האט מען זיך אפגעהאלטן פון צו מקלקל זיין בידים דעם שם י-ה. ווייל מיטן שרייבן דעם שם הוי"ה אות נאך אות קומט אויס אז אין אנהויב האט מען געשריבן דעם שם 'י-ה' און נאכדעם האט מען עס מקלקל געווען מיטן שרייבן די אות וא"ו נאכדעם ('מנחת חינוך' תלז ו).

לויט דעם קען מען זאגן אז כדי דאס שרייבן דעם שם אויפן ציץ זאל זיין מיט די ריכטיגע הידור אן קיין הפסקה אדער א קלקול, האט אויסגעפעלט אז פיר מענטשן זאלן עס שרייבן צוזאמען, און וועגן דעם שטייט "ויכתבו".

'אמרי אמת' תצוה תרצ"ב;
'וילקט יוסף' עמ' מא

## מקיים זיין די מצוות אויך נאכן בויען די משכן

"וַתֵּכֶל כָּל עֲבֹדַת מִשְׁכַּן אֹהֶל מוֹעֵד וַיַּעֲשׂוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כְּכֹל אֲשֶׁר צִוָּה ה'" (לט לב)

**טייטש רבי שלמה קלוגער:**

דער פסוק איז משבח די אידן, אויף דעם אז אויך נאכן אויפבויען די משכן וואס איז מכפר אויף זייערע זינד, אזוי ווי מען זאגט ביי די הגדה של פסח: "ובנה לנו את בית הבחירה לכפר על כל עוונותינו", זענען זיי נישט אפגעשוואכט געווארן פון מקיים זיין די מצוות, נאר: "וַיַּעֲשׂוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כְּכֹל אֲשֶׁר צִוָּה ה'".

'אמרי שפר'

## דאווענען "כאשר צוה ה'"

"וַיָּבֵא אֶת הָאָרֹן אֶל הַמִּשְׁכָּן וַיָּשֶׂם אֵת פָּרֹכֶת הַמָּסָךְ וַיָּסֶךְ עַל אֲרוֹן הָעֵדוּת כַּאֲשֶׁר צִוָּה ה' אֶת מֹשֶׁה" (מ כא)

דער **בעל הטורים** שרייבט אז ניינצן לשונות פון 'ציווי' - אזוי ווי אין אונזער פסוק: "כַּאֲשֶׁר צִוָּה ה' אֶת מֹשֶׁה" - זענען געזאגט געווארן אין אונזער פרשה ביי די מלאכת המשכן, און אקעגן זיי האבן די חכמים מתקן געווען די ניינצן ברכות ביי די שמו"ע. און לייגט צו: ביי די ניינצן ציווים צוזאמען זענען דא הונדערט און דרייצן ווערטער, אזוי ווי צאל פון די ווערטער ביי די אויספיר פון די ברכות ביי שמו"ע, און אזוי ווי די צאל פון די ווארט 'לב' [אויף אלע פארשידענע אופנים] אין תורה. דיך צו לערנען אז מען דארף ספעציעל אינזין האבן ביי די חתימה פון די ברכות.

אויף די וויכטיגקייט פון די כוונה ביי די אויספיר פון די ברכות ביי שמונה עשרה האט אויך מעורר געווען **רבי יצחק מקורביל בעל הסמ"ק** (סי' יא), און אזוי שרייבט ער: "הרב אליעזר מגרמיזא שרייבט אין זיין ספר אז עס איז זייער גוט אינזין האבן ביי די אויספיר פון יעדע ברכה, ווייל אין זיי איז דא הונדערט און דרייצן ווערטער אזוי ווי ביי תפילת חנה, און אזוי דארף זיין, ווייל דער וואס האט אינזין ביים בעטן [ביי די עצם ברכה] און האט נישט אינזין ביים לויבן הקב"ה [ביי די אויספיר פון די ברכה], איז ער זיך אליין שולדיג".

'חזון יחזקאל'

# פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

## "שחר אבקשך צורי ומשגבי"

מיר זענען געוואוינט פון דער פלאטפארמע מעורר זיין אויף די טעמע פון ענטפערן אמן, און באזונדער אויף דעם געוואלדיגן ענין פון זאגן "ברכות שחרית בחברותא".

מיט דעם, בין איך זיך שטענדיג מתבונן אין די סעריע ברכות און בקשות וואס דווקא האבן זיי נישט א קלארן ענטפער "אמן", און דאס איז ווייל זיי זענען צווישן א לאנגע ברכה, אבער זיי ענהאלטן אין זיך גאנצע עולמות פון תפילות און האפנונגען וואס מיר נויטיגן זיך אין זיי זייער שטארק.

ווי פארשטייט זיך, איז מיין כוונה אויף דעם לאנגן ליסטע וואס מיר זאגן ביי די סוף פון ברכות השחר, די ברכה "המעביר שינה" וואס ענדיגט זיך מיטן אויספיר "הגומל חסדים לעמו ישראל".

די דאזיגע ברכה הייבט זיך אן, ווי די פריערדיגע, מיט א לויב און גייט באלד אריבער צו הויכע און ספעציעלע בקשות, אינגאנצן מיט א געבעט אויף זאכן וואס זענען פאר אונז דאס וויכטיגסטע אויף אונזער רוחניות!

טאקע אזוי, נאכדעם וואס מיר האבן געענדיגט דאנקען דעם באשעפער לויט די סדר פון די ברכות השחר אויף די אלע גוט'ס וואס ער טוט מיט אונז, ברוחניות און בגשמיות, איז נאטורליך מיר זאלן ווייטער בעטן ער זאל אונז העלפן אין די מלחמה אקעגן דעם יצר הרע וואס באנייט זיך יעדן אינדערפרי.

אויך ווען מיר זאגן די ברכות השחר ווי עס דארף צו זיין אין די אויערן פון איינער וואס ענטפערט אמן, אדער ווען עס איז אונזער רייע צו זיין פון די "צוהערהער", לוינט זיך נישט זיך צו איילן אין די ברכה, נאר זיך מתבונן זיין אין דעם געלאסן, און זוכה זיין צו האפנ'ס פון גוטע און וואונדערליכע השפעות אויף א גאנצן טאג.

איך אליין, יעדעס מאל וואס איך הער זיך צו צו די ברכות פון איינער פון די מתפללים, ענטפער איך אין הארץ 'אמן' עקסטער אויף יעדע איינע פון די בקשות וואס מען זאגט אין דעם, און פארשטייט זיך אז אין ענדע ביי די ווערטער וואס ענהאלטן אין זיך אזויפיל: "הגומל חסדים לעמו ישראל" קומט ווי פון זיך אליין ארויס די ווארט "אמן"! מיט איר באדייט, אמת און ריכטיג און הלוואי!

**מיט א תפילה מיר זאלן זוכה צו זען די אפענע חסדים פון השי"ת**

**א גוט שבת**

יעקב דוב מארמארשטיין

# א ישועה דורך זמן תפילה...

די פאלגנדע ערציילונג איז פארגעקומען מיט א לאנגע צייט צוריק, אבער ערשט לעצטנס האט אונז עס דערציילט דער בעל המעשה אליין, א יונגערמאן א תלמיד חכם וואס היינט צו טאג איז ער א טאטע פון א געבענטשטע פאמיליע בלעה"ר.

דער טאג וואס בצלאל האט געפייערט זיין דרייסיג'סטן געבורטסטאג, האט דאס געהאט ביי אים א גרויסן באדייט. דער אמת איז, אז די ווארט 'געפייערט' איז נישט אזוי פאסיג... ווייל פון די שקיעה פון די נאכט פון זיין דרייסיג'סטן געבורטסטאג ביז די שקיעה פונעם מארגנדיגן טאג איז ער נישט ארויס פון זיין צימער. אויך ווען עטליכע פון זיין משפחה און נאנטע פריינד האבן פראבירט צו קלאפן אויף זיין טיר, האט ער אויסדערוועלט זיך נישט ווייסנדיג מאכן.

בצלאל איז געווען אן עלטערער בחור, וואס טראץ וואס ער איז געווען פול מיט טאלאנטן, טראץ וואס ער איז געשאנקען געווארן פון הימל מיט אסאך מעלות, טראץ וואס ער האט אויסגענוצט רוב שעות אין ישיבה זיך צו מייגע זיין אין תורה און יראת ה', האט ער נאכנישט זוכה געווען צו טרעפן זיין זיווג. יעצט אין זיין דרייסיג'סטן געבורטסטאג, ווען ער איז שוין זאט פון דורכפעלער, האט ער זיך געפילט ווי א 'ריכטיגער דורכפאל'. ער האט זיך געפילט אינגאנצן שולדיג אין זיין מצב, און דאס האט אים צוגעברענגט צו א שטארקע פארצווייפלונג. אזוי, אנשטאט ער זאל באקומען ברכות פון זיינע פריינט און פאמיליע אין דעם גרויסן טאג און אויך ענטפערן אויף זייער ברכה, איז ער געבליבן ליגן אין בעט, לאזנדיג די געפילן פון פארצווייפלונג און פארלוירנקייט זאלן אריינדרינגען אין אים, און אפשוואכן זיין זעל.

פון יענעם טאג און ווייטער האט זיך עפעס פארלאשן אין אים. ער איז זעלטן ארויס פון זיין צימער, ווייניג געענטפערט אויף די טעלעפאנען, זייער זעלטן געגאנגען אין בית המדרש, און פון דער צווייטער זייט האט ער אין זיך אסאך אריינגעשמיסן, סיי מיטן זיך עלטערן אלס א בחור, און סיי... מיט דעם וואס ער האט באשלאסן זיך נישט ארויסזעהן פון זיין יעצטיגער פארצווייפלטער און דערשלאגענער צושטאנד.

א שווערע און ווייטאגליכע יאר איז אדורך אויף בצלאל. זיין פאמיליע און פריינד האבן אין אנהויב פרובירט אים העלפן, אבער ער האט באשלאסן זיך צו דערווייטערן פון זיי, זיך איינעסן מיט געפילן פון פארצווייפלונג און דורכפאל. זיין זיך פארמיידן פון ארויסצוגיין פון זיין צימער, האט נאר פארגרעסערט די שרעק און שווערקייט, אין א געוויסע שטאפל האט ער זיך שוין אנגעהויבן איינרעדן אז עס לוינט אים נישט ארויסגיין, איבערהויפט אין די צייט... יעצט וועלן שוין אלע אויף אים אנגעווייזן, און רחמנות האבן, און אנטלויפן נישט וועלנדיג זיין אין א פארלעגנהייט...



א צובראכענע טעלער ביי א תנאים

ער האט געפילט אז 'באו מים עד נפש', ער האט שוין כמעט געפילט, אז זיין טויט איז בעסער פון זיין לעבן, ביז אפרים איז אנגעקומען.

אפרים איז געווען זיין לאנגיעריגער פריינד, פון די איינציגע פריינד וועלכע האבן אנגעהאלטן מיט אים א פארבינדונג. אפרים איז געצוואונגען געווען זיך אריבער ציען קיין אויסלאנד מיט זיין פאמיליע, אבער ער האט נישט אויפגעגעבן אויף זיין קאנטאקט מיט בצלאל, אפרים האט אכטונג געגעבן צו רופן בצלאל יעדן ערב שבת, רעדן מיט אים עטליכע מינוט, אים מיטטיילן זיינע איבערלעבענישן און ווינטשן א גוט שבת.

אין די לעצטע יאר האט ער נישט מצליח געווען אנהאלטן די קאנטאקט מיט אים, די משפחה מיטגלידער האבן אים דערציילט אויף דעם נעבעכדיגן סיטואציע און דאס האט אים צוגעברענגט גרויס צער. אפרים האט ערווארטעט אויף א געלעגנהייט צו קומען קיין ארץ ישראל און די געלעגנהייט איז אנגעקומען כמעט א יאר שפעטער.

אין דעם ערשטן טאג פון זיין באזוך אין ארץ ישראל, אין א שפעט נאכמיטאג שטונדע, האט ער זיך געאיילט צו גיין באזוכן בצלאל. ער האט א קלאפ געטון אויפן טיר אבער בצלאל האט נישט געעפנט. "בצלאל דאס בין איך, אפרים", האט ער געשריגן, און דער דערשטוינטער בצלאל האט זיך געאיילט ארויסגיין פון בעט און זיך געוואשן די הענט...

אפרים איז געווען שאקירט פון זיין חבר'ס נעבעכדיגן אויסזען, אבער ער האט נישט גערעדט אסאך; "בצלאל, עס איז דא איינער וואס דו מוזט אים טרעפן, טו זיך שנעל אן און מיר וועלן גיין...".

בצלאל, וועלכער איז אויך געווען שאקירט פונעם איבערראשנדן באזוך, האט אלעס געפאלגט, ער האט געבעטן זיין חבר זאל צו ווארטן עטליכע מינוט אינדרויסן פון צימער, ער האט זיך אפגעוואשן דאס פנים און זיך ארגאניזירט, און איז נאכגעגאנגען שטילערהייט נאך זיין חבר.

אפרים האט געפירט בצלאל'ן אין די ירושלים'ער געסלעך, זיך אפגעשטעלט נעבן א קליינע און אלטע הויז. ער האט געקלאפט אויף די טיר מיט יראת הכבוד און די טיר איז געעפנט געווארן דורך אן עלטערן רב.

דער רב האט זיך צוגעהערט צו די ערציילונג פון בצלאל, און בצלאל האט צום ערשטן מאל געפילט אז עס איז דא איינער וואס פארשטייט זיין ווייטאג. ווען ער האט געענדיגט, האט דער רב פארדעקט זיין פנים מיט זיינע הענט און איינגעזונקען אין זיינע געדאנקען. ענדליך האט ער אויפגעהויבן די אויגן און געפרעגט: "ביזסט מקפיד דאווענען יעדן טאג פאר זמן תפלה...?".

בצלאל האט אראפגעלאזט די אויגן און זיך אפגעהאלטן פון ענטפערן... זמן תפלה? - ווער רעדט בכלל פון דעם... ווייסט דען נישט דער רב פון זיין שווערן גייסטישן מצב...?

דער רב האט גוט פארשטאנען... ער האט געקוקט אויף אים מיט זיינע קלוגע אויגן און צו אים געזאגט: "מיין טייערער, דו ביסט נאך א יונגער בחור, דיינע האפענונגען זענען נאכנישט פארלוירן געווארן, פון היינט און ווייטער זאלסטו מקפיד זיין דאווענען יעדן אינדערפרי פאר זמן תפילה. און מיט אויבערשטנ'ס הילף איז דיין ישועה פארזיכערט!".

בצלאל, וואס איז שוין געוואוינט געווען אין אנטוישונגען, האט זיך נישט געאיילט איבערצורעדן; "וויאזוי וועט די ישועה קומען צו מיר, יעדע מעגליכע שידוך האט מען מיר שוין אנגעטראגן...", אבער דער רב איז געשטאנען אויף זיין מיינונג מיט א שטארקייט; "אויב דו וועסט מקפיד זיין אויף זמן תפילה, וועסטו זוכה זיין ווי אין גיכן בויען א בית נאמן בישראל".

דער בחור וואס איז געווען אומגעדולדיג צוליב זיינע שווערע ליידן האט זיך געשטארקט און געפרעגט: "וויפיל צייט?". דער רב איז נישט אויפגערעגט געווארן, ער האט נאר געקוקט אויף אים מיט א ווארעמע בליק און געזאגט: "א חודש פון היינט".

דער קלארער ענטפער האט צוגעברענגט אז בצלאל זאל זיך געבן א שאקל. ער האט באשלאסן צו נעמען אחריות אויף זיין מצב, און מאביליזירט צו דעם די ביסל כוחות וואס איז אים נאך פארבליבן... דער רב האט אים נישט צופיל געבעטן, נאר ער זאל אויפשטיין און דאווענען פאר 'זמן תפלה'.

א חודש שפעטער האט בצלאל גערופן דעם רב און געזאגט אז ער וויל אריבערקומען באזוכן. דער רב איז יענעם טאג געווען פארנומען און האט אים געהייסן קומען צומארגנ'ס. צומארגנ'ס האט ער ערשיינט אין דעם רב'ס צימער און געזאגט בלויז עטליכע ווערטער, עטליכע ווערטער אויף וועלכע ער האט געווארט מער ווי צען יאר:

"נעכטן בין איך א חתן געווארן!".

בצלאל האט געמיינט אז אלע פארשלאגן האבן זיך געענדיגט, אבער עס ווייזט זיך אויס, אז אין אויסלאנד האט צוגעווארט זיין שידוך.

דער רב האט זיך מיטגעפריידט מיט זיין שמחה, און פאר בצלאל איז וויכטיג געווען צוגעבן: "איך ווייס זיכער אז איך בין א חתן געווארן נאר ווייל איך האב געפאלגט דעם רב'ס עצה און מקפיד געווען אויף זמן תפילה" - האט בצלאל געזאגט. "ערשט דערנאך וואס דער שידוך איז געשלאסן געווארן, האב איך געהערט פון איינעם פון די משפחה מיטגלידער, אז זיי האבן עפעס געוואוסט איבער מיין מצב אין דעם פארגאנגענעם יאר, אבער די הויפט שאלה וואס איז זיי געשטאנען אין מח איז געווען – צי דער בחור שטייט אויף יעדן אינדערפרי צום דאווענען. פון דער מינוט וואס זיי האבן זיך איבערגעצייגט אז איך בין מקפיד קומען דאווענען בקביעות אין די צייט, איז דער שידוך געווארן. מזל טוב".

**געהערט פון דער בעל המעשה**

# די ברכה 'רפאנו'

## די מקור פון די ברכה

אין מסכת מגילה (יז ב) זאגן חכמינו זכרונם לברכה אז די ברכה רפאנו, איז די אכטע ברכה אין די שמונה עשרה, אקעגן די מצוה פון מילה וואס מען איז מקיים אין די אכטע טאג, ווייל צוליב די מילה דארף מען צוקומען צו רפואה. איז שווער: נאר מילה דארף דען א רפואה?

ערקלערט דער 'אמרי אמת': ווייל עס זענען געווען פארשידענע צייטן וואס עס האט נישט אויסגעפעלט קיין רפואה נאר פאר איינעם וואס מען האט גע'מל'ט, אזוי ווי עס ווערט ערקלערט אין גמרא (ב"מ פז א) אז ביז די תקופה פון יעקב אבינו איז נישט געווען קין שוואכקייט אויף דער וועלט, און אזוי טרעפן מיר אין מדרש (במ"ר ז א) אז ביי מתן תורה זענען אלע קראנקע אויסגעהיילט געווארן, דעריבער האבן די חכמים אנגעהאנגען די ברכה פון רפאנו אקעגן די מצוה פון מילה ('ברכת אליהו' [לגר"א פישער ראש כולל גור בארה"ב] עמ' ריז).

ענליך צו דעם ערקלערט רבי שלמה זלמן אויערבאך: ווייל די עבירות ברענגען צו די אלע מחלות, קומט אויס אז לעתיד לבוא ביי די גאולה, ווען הקב"ה וועט מבטל זיין דעם יצר הרע פון דער וועלט, וועט שוין נישט זיין קראנקהייטן, און די רפואה וועט זיך אויספעלן נאר צוליב די מצוה פון מילה, וועגן דעם האט מען מתקן געווען די ברכה רפאנו זאל זיין די אכטע ברכה אקעגן מצות מילה ('מזמור לתודה' עמ' 184).

## די באדייט פון די ברכה

דער ר"ן שרייבט (דרשות הר"ן הדרוש הששי) אז ווען א מענטש איז קראנק דארף ער דאווענען אויף רפואת הנפש און נישט אויף רפואת הגוף, ווייל א מענטש ווערט קראנק נאר צוליב זיינע זינד, און דער עיקר קראנקהייט איז אין זיין נפש און נישט אין זיין קערפער, ווייל דער קערפער וועט נישט אויסגעהיילט ווערן אן עס זאל זיין פון פריער רפואת הנפש. אויך דוד המלך ווען ער איז קראנק געווען האט ער מתפלל געווען אויף רפואת הנפש, אזוי ווי עס שטייט (תהלים מא ה): "אני אמרתי ה' חנני רפאה נפשי כי חטאתי לך". און אזוי שרייבט דער 'ראשית חכמה' (שער התשובה פרק ה): "וטוב לכוון בברכת רפאינו על תחלואי הנפש".

דער חיד"א ברענגט אין נאמען פון רבי חיים וויטאל אז ווען א מענטש איז נישט מקיים איינע פון די רמ"ח מצוות עשה טוט ער א פגם אין איינס פון די רמ"ח-איברים וואס איז אקעגן דער זינד, און ווען ער עובר אויף איינע פון די שס"ה מצוות לא תעשה, טוט ער א פגם אין איינס פון די שס"ה-גידים וואס זענען אקעגן. וועגן דעם האט ירמיה הנביא געבעטן (ירמיה יז ד): "רפאני ה'" - פון די זינד וואס האבן געטון א פגם אין מיין זעל, און ממילא: "וארפא" - אין מיין קערפער. "הושיעני" - פון די מקטרגים וואס זענען באשאפן געווארן פון מיינע זינד, "ואושעה" - פון די יסורים וואס קומען אויף מיר צוליב זייער קטרוג ('צוארי שלל' הפטרת בחוקותי).

## די געבוי פון די ברכה

אין דער נוסח ברכות התפילה פון רמב"ם שטייט אז די ברכה הייבט זיך אן מיט די ווערטער: "רפאנו ה' **אלקינו** ונרפא". אבער דער רוקח (פירוש סידור התפילה סי' נב) שרייבט אז ווייל די אנהויב פון די ברכה איז געבויעט אויפן לשון הפסוק (ירמיה יז יד): "רפאני ה' וארפא הושיעני ואושעה כי תהלתי אתה", זאל מען נישט זאגן 'אלוקינו' אין אנהויב די ברכה, נאר "רפאנו ה' ונרפא".

אין די פארזעצונג בעטן מיר "והעלה רפואה שלימה לכל מכותינו", ערקלערט דער יעב"ץ אז די בקשה איז אויך פאר א געזונטן מענטש. ווייל אין גוף פון יעדער מענטש זענען פארבארגן פארשידענע קראנקייטן, און ווען נישט הקב"ה לייגט אריין אין דער טבע פון דעם גוף זיך צו קענען שטארקן אויף זיי איידער זייער אויסבראך, וואלטן מיר נישט געקענט זיי בייקומען. וועגן דעם, אפילו א געזונטער מענטש דארף צוקומען צו א תפילה אז ה' זאל געבן כח אין זיין גוף זיך פלייסיגן אין זיין מלחמה קעגן די פארבארגענע קראנקייטן (סידור יעב"ץ [אלטונא תק"ו] ח"ב בהגהות המחבר עמ' כו).

## "רופא חולי עמו ישראל"

דער ענדערונג צווישן די חתימה ביי די ברכה 'אשר יצר' - 'רופא כל בשר', און די חתימה פון די ברכה - 'רופא חולי עמו ישראל', ערקלערט אזוי רבי יוסף חיים זאנענפעלד:

די ברכה 'אשר יצר' האט מען מתקן געווען אלס א לויב אויף די רפואה פון די קראנקייטן פון 'כל בשר', וועגן דעם ענדיגט מען די ברכה "רופא כל בשר". אבער די ברכה האט מען קובע געווען אקעגן די רפואה אויף מילה וואס ווערט געטון ביום השמיני, וואס דאס איז דא נאר ביי 'עמו ישראל' (ראה מדור 'מקור הברכה'), איז פאסיג אויסלאזן: 'רופא חולי עמו ישראל' ('חכמת חיים' עמ' שנג).

## די כוונה פון אמן

עס איז ריכטיג אז הקב"ה אליין איז דער וואס היילט די אידישע קראנקע, און הלוואי ער זאל אונז אויסהיילן א גענצליכע רפואה.

## אוצר הברכות

### מאה ברכות אין די פרשה

**"וַיְהִי מְאַת כִּכַּר הַכֶּסֶף לָצֶקֶת אֵת אַדְנֵי הַקֹּדֶשׁ וְאֵת אַדְנֵי הַפָּרֹכֶת מְאַת אֲדָנִים לִמְאַת הַכִּכָּר כִּכָּר לָאָדֶן"** (לח כז)

דער 'בעל הטורים' שרייבט אז אקעגן די מאת אדני הכסף וואס זענען געווידמעט פאר די קרשי המשכן, האבן די חכמים מתקן געווען צו זאגן יעדן טאג מאה ברכות. און ברענגט אויף דעם א רמז פון דעם לשון הפסוק (שה"ש ה טו): "מְיֻסָּדִים עַל אַדְנֵי פָז", "על" איז גימטריה מאה, ד.מ.: די מאה ברכות האט מען אוועקגעשטעלט לזכר די "אדני פז".

### מאה ברכות אויף צו שטארקן די אמונה

די שייכות צווישן די אדני המשכן און די מאה ברכות ערקלערט דער 'חידושי הרי"ם': אזוי ווי די אדנים זענען געווען דער יסוד פון דער משכן, אזוי אויך די תקנה פון די מאה ברכות איז די גרונדשטיין אויף א אידישן לעבן, און דער וואס איז מקפיד זיי מקיים זיין איז זוכה אריינעמען אין זיך און לעבן מיט דעם אז הקדוש ברוך הוא איז דער אדון הכל.

'אמרי אמת' ליקוטים מנחות מג ב; 'אמרי הרי"ם'

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

# מאוצרות אמונים

## אין זכות פון ענטפערן אמן ווערט אנגענומען די תפילה

### ענטפערן אמן פארענדיגט דאס באשאפן פון דער מלאך

דער רבי ר' זושא פון האניפאלי זאגט: ענטפערן 'אמן' איז א וויכטיגע השלמה אויף א ברכה, ווייל דער מברך באשאפט דורך זיין ברכה נאר דעם גוף פון דער מלאך, און נאר דורך ענטפערן אמן ווערט באשאפן די נפש פון דער מלאך וואס געבט אין אים אריין א חיות ('בוצינא קדישא' אות לא).

ענליך צו די ווערטער ווערט אויך געברענגט אין נאמען פון רבי ר' שמעלקא פון ניקלשבורג, וואס האט אויך עדות געזאגט אויף זיך הארט בעפאר זיין פטירה, אז צוליב דעם האט ער שטענדיג מקפיד געווען נישט זאגן א ברכה אויב עס וועט נישט זיין איינער וואס וועט משלים זיין זיין ברכה מיט ענטפערן אמן, און האט אויך דערציילט א וואונדערליכע מעשה וואס האט פאסירט מיט אים צוליב די הנהגה:

א גביר פון א דערנעבנדיגן שטעטל האט איינמאל אים איינגעלאדנט צו קומען זיין סנדק ביי די ברית פון זיינ'ס א קינד, און האט געשיקט צו מיר א איינגעשפאנטע וואגן מיט פערד ווען דער בעל עגלה איז געווען א פראסטער איד. אינמיטן וועג ווען ער האט געדארפט זאגן די ברכה 'אשר יצר' האט ער פארשטאנען אז ער האט נישט נעבן זיך איינער וואס קען ענטפערן אמן, ווייל דער בעל עגלה איז געווען אזוי פארגרעבט און פראסט אז מ'האט אים נישט געקענט מצרף זיין צו א דבר שבקדושה.

נישט וויסנדיג וויאזוי זיך פירן, זענען פלוצים פון ערגעץ וואו פון וואלד ערשינען צוויי מענטשן מיט זייער א שיינעם געשטאלט און האבן זיך אוועקגעשטעלט נעבן אים, נאכן זאגן די ברכה האבן זיי געענטפערט אמן מיט א אויסערגעווענליכן זיסקייט און ברען און באלד פארהוילן געווארן. דער רבי ר' שמעלקא איז געבליבן שטיין געפלעפט און דערשראקן, ביז ער האט פארשטאנען אז הימלישע מלאכים זענען געשיקט געווארן צו אים מן השמים צו ענטפערן אמן אויף זיין ברכה ('אהל יצחק' עמ' לה).

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער ליינער

**לכבוד די רעדאקציע 'וכל מאמינים'**

נאכן באגריסן ווי עס פאסט זיך, וויל איך ענק וואונטשן די ברכה פון ה' זאל רועהן אויף ענק אין דעם געוואלדיגן זיכוי הרבים וואס ווערט געטון דורך ענק מיט א געוואלדיגע הצלחה.

אין דעם בלעטל פון פרשת בא האט דער נשיא פון 'בני אמונים' אראפגעברענגט אין זיין מאמר וואס ווערט געברענגט אין ספר 'דרך משה' אז א חסיד האט געפסט מ'זאל אים מגלה זיין מן השמים די סיבה פארוואס די גאולה האלט זיך אפ, און עס איז אים נתגלה געווארן אין חלום אז די סיבה איז ווייל מ'איז נישט מקפיד צו ענטפערן אמן אויף די ברכות וואס מ'בעט אין זיי אויף די גאולה.

און איך האב געוואלט צולייגן. די חכמים זאגן דאך (שבת לא א) אז נאך די פטירה ווען דער מענטש דארף אפגעבן א דין וחשבון אויף זיינע מעשים, וועט מען אים עקסטער פרעגן אויף עטליכע ענינים וואס ער איז מחויב מקיים זיין ביים לעבן, און איינע פון זיי איז: "ציפית לישועה" - צי ער האט געהאפט אויף די גאולה און משיח.

לויט די אויבנדערמאנטע ווערטער פון 'דרך משה', לכאורה דער הויפט בענקעניש אויף די גאולה דערקענט זיך דורך ענטפערן אמן נאך די ברכות פון די גאולה, און דער וואס איז מזלזל אין דעם וועט נישט קענען ענטפערן 'יא' אויף די פראגע. און עס קען זיין אז אויף דעם איז אויך מרמז וואס די חז"ל זאגן דארט אז איינס פון די שאלות וואס דער מענטש וועט געפרעגט ווערן אין יענע צייט איז: "נשאת ונתת באמונה". און דאס איז א רמז אויף ענטפערן אמן, וואס דער מענטש ווערט אנגעפרעגט צי ער האט מקפיד געווען ווי עס דארף צו זיין אויף ענטפערן אמן, צי ער האט געטון אין דעם פונקט ווי איינער וואס פירט א ביזנעס, וואס זיין ראשו ורובו ליגן אין דעם?

בברכה מרובה

**א.ר. - לעיקוואד ניו דזשערזי**

מען קען שיקן בריוו צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס 9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא

### בעל 'שבט מוסר'
### ח' אדר תפ"ט


דער ציון פון 'שבט מוסר' אין דער אידישער בית החיים אין איזמיר וואס איז אין טערקיי

רבי אליהו הכהן האיתמרי, איז געבוירן צו זיין פאטער רבי אברהם שלמה הכהן, אין יאר ת"ט אין שטאט איזמיר וואס איז אין טערקיי. מיט אסאך מעלות איז דער שבט מוסר באקרוינט געווארן, ער איז שטארק אויסגעוואקסן אין נגלה און אין נסתר, איז אין באקאנט מיט זיינע דרשות און ספרים. דער חיד"א שרייבט אויף אים (שם הגדולים' מערכת א אות קסה): "אסאך מענטשן האט ער מחזיר בתשובה געווען דורך זיינע דרשות און שטראף רייד און מיט זיין זיסן שפראך".

ער האט מחבר געווען העכער פון דרייסיג ספרים, און דאס מערסטע באקאנטע פון זיי איז דער ספר 'שבט מוסר' וואס איז געדרוקט געווארן אין צענדליגע אויסגאבעס. ער איז נפטר געווארן ח' אדר ב' שנת תפ"ט, און באערדיגט געווארן אין זיין געבורט'ס שטאט איזמיר.

### מאה ברכות

אין די סדר פון די א'-ב' זענען די אותיות צדי"ק און קו"ף נאנט איינס נעבן די אנדערע, דיך צו לערנען אז יעדער וואס איז מקפיד צו זאגן יעדן טאג ק' ברכות, וועט אנגערופן 'צדיק' ('מדרש תלפיות' אות ב ענף סוד ברכת בתולים).

### ענטפערן אמן

ווען א מענטש ענטפערט 'אמן' הייליגט די ווארט זיין קערפער און דורך דעם וועט זיין נשמה קענען צוריק קומען צו זיין קערפער ווען עס וועט זיין תחיית המתים. ווערגן דעם זאגט רבי מאיר (סנהדרין קי ב): "קטן מאימתי בא לעולם הבא?...משעה שיאמר אמן" ('אגדת אליהו' שביעית פרק ד).